"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
'קבלת התורה'

אידיש
מועתק מלשונו הזהב

מאמר י"ח
חודש סיון שנת תשפ"ג לפ"ק

# פרנס החודש

הרבני הנגיד והמפואר, איש ישר וטב לב,
לבו ער לכל דבר שבקדושה, אוהב תורה ולומדיה
ה"ה
מוה"ר **חיים נאה** הי"ו

**לרגל נישואי בתו שתחי' למז"ט ובשעט"מ**

עב"ג הבה"ח **יעקב** נ"י
בן מוה"ר **אהרן יודא ארי' וויטריאל** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזיווג יעלה יפה יפה, ויזכו לבנות בית
נאמן בישראל, דורות ישרים ומבורכים, ואך טוב וחסד ירדפם
כל ימי חייהם, לתפארת משפחתם החשובה,
עדי נזכה לביאת משיח צדקינו בב"א

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור
הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©
כל הזכיות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


קבלת עול תורה ........ א
'אָחִיד בְּהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא' ........ ב
"וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה" ........ ד
חושש געווען אויף די קידושין ........ ז
"די ליפן זאלן דיר נישט שטיין!" ........ ט
"שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו" ........ י
לערנען - אפילו אָן קיין חשק ........ יא
"אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה" ........ יב
הייל דיין צונג ........ יד
גורל חיינו בידינו! ........ טו
"אַל תִּירְאִי תּוֹלַעַת יַעֲקֹב" ........ יז
"תורה מגנא ומצלא" ........ יט
געהאלטן אין איין איבערבויען... ........ כ
"מְעַט הָיוֹתָהּ - שָׁם אָנִי" ........ כב
"וְחִכִּיתִי לַה' הַמַּסְתִּיר פָּנָיו" ........ כו
קינדער ווילן לערנען סתרי תורה... ........ כז

# ברכה לראש משביר

ברכת מזל טוב לכבוד הרבני הנגיד, נפשו יקרה,
מדותיו מפוארה, אוהב תורה ולומדיה, לבו ער לכל דבר שבקדושה
ה"ה

**מוה"ר משה טובי' גדלי' מייזעלס הי"ו**

אשר נדבה לבו וקנה
זכות 'תומך' במפעלינו הכביר

לרגל שמחת ארוסי בנו הבה"ח **נחום דוב** ני"ו
למז"ט בשעטו"מ
עב"ג
בת מוה"ר **דוד פריינד** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזיווג יעלה יפה יפה,
ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, דורות ישרים ומבורכים,
ואך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם,
לתפארת משפחתם החשובה,
עדי נזכה לביאת משיח צדקינו
בב"א

# מאמר י"ח

## "קבלת התורה"

### קבלת עול תורה

**"ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ", "וִיהִי נֹעַם ה' אֱלֹקֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ".**

ברשות הקהל הקדוש הזה; איך מיין עס איז שוין צייט, מען טראכט אלעמאל, וויאזוי מאכט מען אַן הכנה צו דעם הייליגן יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה? די בעסטע הכנה וואס איז 'לא רחוקה היא ממנה' און 'לא בשמים היא - בפיך ובלבבך לעשותו', די בעסטע הכנה איז, '**קבלת עול תורה**'! דאס איז די ריכטיגע אמת'ע הכנה צו דעם הייליגן חג השבועות הבעל"ט.

דער רמב"ם זאגט אויף דער משנה אין אבות פרק ג' משנה ה'[א], וואס הייסט "**המקבל עליו עול תורה**"? [- דער תוספות יום טוב ברענגט עס אויך אראפ] זאגט דער רמב"ם 'צוויי ווערטער' וואס ליגט אין דעם אזא מין אמת און אזא קלארקייט, 'המקבל עליו עול תורה' איז דער טייטש: "**התמדת הקריאה!**" - מען איז מקבל אויף זיך צו קורא זיין תמיד בתורה! פשוטו כמשמעו![ב]

---

**א.** בפירושו על המשנה: "רבי נחוניא בן הקנה אומר, כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. וכל הפורק ממנו עול תורה, נותנין עליו עול מלכות ועול דרך ארץ".

**ב.** עיין שיחות הר"ן אות ע"ו: ולא יבלבל דעתו בתחילת לימודו שירצה להבין תיכף ומחמת זה יקשה לו הרבה תיכף ולא יבין כלל רק יכניס מחו בהלימוד ויאמר כסדר בזריזות וממילא יבין. ואם לא יבין תיכף יבין אחר כך. ואם ישארו איזה דברים שאף

דאס איז דאך דער פירוש הפסוק פון: "**בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ**" - א פשוט'ן פסוק; 'אין אלע סארטן זמנים, אין אלע סארטן מצבים, ווי א מענטש קוקט אויס, בשבתך בביתך, ובלכתך בדרך, ובשכבך ובקומך, זאל מען תמיד עוסק זיין בתורה!' - עוסק זיין בתורה בפשטות, במקרא במשנה בגמרא בהלכה באגדה - אין אלע ספרים הקדושים, אט דאס איז דער טייטש און דער ריכטיגער פשט פון "ודברת בם בשבתך בביתך".

דאס איז די ריכטיגע עצה פון "**וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ**" - דורך אהבת התורה!

עס ליגט נאך א זאך אין דער "ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך", עס ליגט אין דעם א משמעות, אפילו אין אלע סארטן מצבים וואס א מענטש איז, עס גייט דאך איבער אויף א מענטשן עתים עתים, אלע סארטן עתים, אלע סארטן זמנים, אלע סארטן מצבים - דארף מען האבן מסירת נפש מחמת אהבת התורה און עוסק זיין תמיד בתורה, אין וואספארא מצב מען איז, אז עס זאל זיין "**מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה**" צו דער הייליגער תורה, וואס דאס איז אהבה צום אויבערשטן, פשוטו כמשמעו!

## 'אָחִיד בְּהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא'

דער זוהר הקדוש זאגט: "**מַאן דְּאָחִיד בְּאוֹרַיְתָא אָחִיד בְּהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא!**"

---

על פי כן לא יוכל לעמוד על כוונתו, מה בכך? **כי מעלת ריבוי הלימוד עולה על הכל**, וכמו שארז"ל (שבת סג.): **'לגמור והדר לסבר ואף על גב דלא ידע מה קאמר'** שנאמר (תהלים קי"ט כ): **"גרסה נפשי לתאבה"** וכו'. כי **על ידי ריבוי הלימוד שילמוד במהירות ויזכה ללמוד הרבה**, על ידי זה יזכה לעבור כמה פעמים אלו הספרים שלומד, לגמרם ולחזור להתחיל ולגמרם פעם אחר פעם. **ועל ידי זה ממילא יבין** בפעם השני והשלישי כל מה שלא היה מבין בתחילה, כל מה שאפשר להבין ולעמוד על דבריהם.

עס איז דא א מדרש[ג], דער אויבערשטער האט געזאגט: **"מָכַרְתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי - כִּבְיָכוֹל נִמְכַּרְתִּי עִמָּהּ!"** - דער אויבערשטער האט אונז געגעבן כביכול דעם אויבערשטן אין די הענט! דער אויבערשטער פירט דער וועלט כפי אונזערע דיבורים.

דער רבי זאגט[ד]: **"וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם"**; אז מען זאל נאר נישט רעדן קיין לשון הרע מיט קיין רכילות - פירט מען דער וועלט! מען פירט דער וועלט מיט אונזערע דיבורים, מיט תורה מיט תפילה מיט גוטע דיבורים, מיט לימוד זכות - מיט דעם פירן מיר דער וועלט! מען זאל עס נאר נישט מקלקל זיין מיט לשון הרע'ס מיט דברים בטלים מיט פאליטיק וואס דורך דעם מאכט מען חרוב דער וועלט!

א מענטש דארף לערנען אין 'כל מיני מצבים', אין 'כל מיני מצבים'! דער לשון הרמב"ם איז, עס שטייט אין שולחן ערוך[ה]: **"בין עני בין עשיר, בין שלם בגופו בין בעל יסורים** (ח"ו), **בין בחור בין זקן גדול"** - א זקן מופלג', ער איז שוין גאר שטארק אלט, ער קען זיך שוין דעמאלט נישט רירן, זאל ער אויך עוסק זיין בתורה. **"אפילו עני המחזר על הפתחים, אפילו בעל אשה ובנים"** - ביי אלע סארטן מצבים וואס א מענטש איז. **"עד מתי? עד יום מותו!"** - ועַד בכלל!

**אט דאס איז אונזער תפקיד אויף דער וועלט!**

**נאר מיט דעם קומט מען צו, צו דאס וואס מיר זענען באשאפן געווארן!**

---

ג. מדרש רבה תרומה פר' לג, א.

ד. ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד, אות ג-ד: "'**ויברך אתכם כאשר דיבר לכם**', היינו לפי הדיבור כן השפע. אם הדיבור היינו הכלי השפע הוא בשלימות ובמלואה, אזי יכולין לקבל בהם רוב שפע ... כי קודם מתן תורה היה הממשלה ביד השם יתברך, ואחר מתן תורה נתן הממשלה ליד כל ישראל, כל אחד לפי בחינתו ... **ועכשיו שהתורה מסורה בידינו, גם הרצון של השם יתברך מסורה בידינו, שאנו מושלין כביכול להיות רצונו כפי רצוננו**, וזה בחינת 'ישראל ממשלותיו' כנ"ל".

ה. יו"ד סי' רמ"ו סעי' א'.

**עס ליגט דאך אין דער תורה א געוואלדיגער נעימות!** מען דארף נאר צוגיין און עס אננעמען[ו].

## "וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה"

מיר זענען רגיל צו זאגן אלעמאל א ווארט פון דעם חוזה מלובלין[ז], עס ליגט אין דעם איינע פון די שטערקסטע עצות פון דעם הייליגן רבי'ן וואס האט שטארק געוואלט אז דאס זאל אריינגיין אין דער וועלט![ח] [- אז עס ליגט אויף דעם א ווארט מער מעין

---

**ו.** עיין תהלים ישועות אשא (קי"ט ק"ג) וז"ל מורינו שליט"א: אשרי הזוכה להרגיש נעימות התורה (לשון רביז"ל לקו"מ ח"ב סי' ע"א). שיש בזה נעימות נפלא, כמ"ש **'מה נמלצו לחכי אמרתך מדבש לפי'**, וכן **'מה אהבתי תורתך כל היום היא שיחתי'**. אם האדם זוכה לחיות עם נעימות בתורה, אזי התורה נעשית אצלו כמו אויר לנשימה, ואינו יכול לחיות בלעדיה, וכל אות ודיבור מהתורה הקדושה מאירים לו ומשפיעים לו חיים. ובספרינו 'ונכתב בספר' (ח"ב עמוד נ"ג) הבאנו הסיפור מחז"ל על רב אבהו שבא לטבריה והיה שש ושמח למעלה מהרגיל, ואמרו לרבי יוחנן שרב אבהו מצא אוצר, כי היתה שמחתו גדולה עד כדי כך שחשבו שמצא אוצר של הון עתק, ואמר להם רבי יוחנן שמסתמא מצא שמועה דאורייתא חדתא, שמעולם לא שמע אותה, והוא שמח עליה עד למאד, ממש כמוצא שלל רב. ואכן כן היה שזו באמת היתה שמחתו.

**ז.** ריש ספר זכרון זאת (דפוס מונקאטש תש"ב) ליקוטים מספרי תלמידי רביה"ק החוזה מלובלין זי"ע, ועיין גם בתולדות יעקב יוסף פר' וישלח אות א' ד"ה "וז"ש ויהי לי"; ובנועם אלימלך פר' וישלח ד"ה "או יאמר ויהי לי".
ואימרה זאת מובא בספרי מורינו שליט"א כמה פעמים, והוא יסוד איתן שהנחיל בנו מורינו שליט"א בכל עת וזמן לדעת את המעשה אשר יעשון, (עי' באוסף מכתבים חלק א' מכתב י"ד נ"ו, ובחלק ב' מכתב ק"כ קכ"ט קל"ד, ובחלק ג' מכתב קנ"ח, ובחלק ד' מכתב רע"א).

**ח.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ח: "וזהו: **'כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד'**, היינו שאפילו אם האדם מונח, חס ושלום, במקום שהוא, אפילו בשפל המדריגה מאד, אפילו במקומות המטונפים, אף על פי כן על ידי הדיבור יכול להזכיר את עצמו בהשם יתברך. דהיינו, **שאפילו אם הוא במקום שהוא, אם יתחזק גם שם לדבר על כל פנים דיבורים קדושים של תורה ותפלה והתבודדות, יכול להזכיר את עצמו בהשם יתברך**, אפילו שם במקומות הנמוכים, שהם בחינות מקומות המטונפים, אפילו

המליצה, דערהערט זיך עס![ט]] דער חוזה מלובלין זאגט אויפן פסוק: **"אִם יָבוֹא עֵשָׂו אֶל הַמַּחֲנֶה הָאַחַת וְהִכָּהוּ וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה"**. זאגט דער חוזה מלובלין, עס איז דא ביי א מענטשן צוויי מחנות דקדושה: א מענטש האט א הייליגן מח, א ריינע אמונה, הייליגע מחשבות, א דעת תורה, א דעת נכונה פון אמונה אין דער תורה - אין תורה שבכתב ושבעל פה, אינעם אויבערשטן, אין השגחה פרטית, השתוקקות וכיסופים, גוטע רצונות, אַן עין טובה על הבריות, א הייליגער מח, אט דאס איז איין מחנה דקדושה (- במח).

עס איז דא אבער נאך א מחנה דקדושה: אז א מענטש פארברענגט אלע יארן מיט תורה מיט תפילה מיט תהלים מיט 'שיחה בינו לבין קונו', ער רעדט נישט קיין לשון הרע, ער רעדט נישט קיין רכילות, ער רעדט גוטס, דאס איז אויך א מחנה דקדושה (- בדיבור).

זאגט דער חוזה מלובלין: "אם יבוא עשיו אל המחנה האחת, והכהו" - אז עס וועט קומען די סטרא אחרא און ער וועט דיר אוועק פטר'ן דעם מח - רחמנא ליצלן וואספארא רוחות רעות עס קומט אלץ פון די דיבורים רעים, עס ווערט דורכדעם חרוב דער מח רחמנא ליצלן - שרעק זיך נישט איבער, "והיה המחנה הנשאר לפליטה", האלט זיך

---

אם נפל למקום שנפל, כי הדיבור אינו מניח אותו לשכוח את השם יתברך. בבחינות: 'כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד', שכל זמן שיש בו הדיבור של השם יתברך, שהוא הדיבור דקדושה, זה הדיבור אינו מניח אותו להיות נשכח מהשם יתברך, כי הדיבור זוכר ומזכיר אותו להתחזק בהשם יתברך במקום שהוא. **והבן הדבר היטב, מגודל כח הדיבור. והוא עצה נפלאה ונוראה למי שחפץ באמת, לבל יאבד עולמו לגמרי, חס ושלום**".

**ט.** עיין באוסף מכתבים (חלק ב' מכתב ק"כ) מה שמוסיף מורינו שליט"א על זה: והנה יסוד רעיון זה מובן הרבה בדברי רבינו הק' ומוהרנ"ת, אלא מכיון שראיתי דבר זה מהחוזה במליצה על הפסוק הנ"ל. ורבינו הק' אמר שדבר הנאמר במליצה נלקט יפה (עי' בליקוטי הלכות, הל' תפילה הל' ד' אות ז'), לכן כתבתי הפתגם הזה בשם הצדיק הנ"ל זי"ע שמלבישו בפסוק אם יבוא עשו וכו'.

ביים דיבור הקדוש, האלט זיך ביי גוטע דיבורים, בכח זה וועסטו נאכדעם אריינגיין אינעם צווייטן מחנה אויך![י]

איין מחנה איז בידינו, דער אנדערער מחנה איז ביד ה'; בפה – עפן אויף דאס מויל און רעד! "**פתח פיך ויאירו דבריך**", לערן, דאווען, זיי עוסק בתורה ובמצוות, "**כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ**", רעד גוטס, זיי ממליץ טוב אויף דיר און אויף אנדערע, "והיה המחנה הנשאר לפליטה" - אט דאס איז די עצה!

איך האב עס אמאל געזאגט פאר איינע פון די גדולי הדור, האט ער מיר געזאגט: "דו ווייסט נישט וואספארא נויטיגעווארט דאס איז בזמן הזה! - א מורא'דיגע נויטיגע ווארט בזמן הזה וואס יעדער איינער דארף דאס וויסן!"[יא]

**"והיה המחנה הנשאר לפליטה!"**

---

**י.** עיין ליקוטי הלכות הל' חדש ה"ד, אות ט': "**וכלל הדברים היוצא מזה למעשה ולעצות** שצריך האדם לידע שהוא בעל בחירה והבחירה יש לה כח גדול מאד מאד ... דהיינו, שאף על פי שהאדם הוא כמו שהוא חס ושלום, אף על פי כן, אם יהיה חזק בדעתו תמיד לדבר דיבורי תורה ותפלה והתבודדות וכו' שכל זה הוא בחינת שלימות לשון הקודש וכוונתו כדי שיזכה על ידי זה להכניע ולשבר הרע שלו כדי שישוב לה' יתברך בוודאי טוב לו, **כי בודאי לא יהיה נאבד שום דיבור בעלמא וברבות הימים ירחם עליו ה' יתברך ויתקבצו כל הדיבורים דקדושה שהוציא מפיו שהם בחינת לשון הקודש, ועל ידי זה יכניע ויבטל רע הכולל והעיקר שיהיה חזק בזה מאד מאד ימים ושנים אף אם יעבור עליו מה**, כי הבחירה חפשית לעולם, ועיקר הכח על ידי הדיבור ... **כי בוודאי אין שום דיבור דקדושה נאבד**, ואפילו אם הוא כמו שהוא יש לו כח להתגבר בבחירתו לדבר דיבורים קדושים שהם בחינת שלימות לשון הקודש **ואם ירבה בדיבורים קדושים של תורה ותפלה והתבודדות, סוף כל סוף יתקבצו ויעזרו לו בעלמא דין ובעלמא דאתי**".

**יא.** עיין באוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רע"א) מה שמוסיף מורינו שליט"א: ואכן בעת אמרי זאת מרגיש אני את האור החוזר מזה, ורואה אני שדבר זה נצרך מאד כהיום הזה לרבים, כי המוחות שבורים והלבבות מטומטמים, ופנימיות נפשות ישראל משתוקקים להשי"ת ולתורתו, ואמירה זו מועילה מאד בשעות של קטנות וטמטום המוחין – לדבר דיבורי קדושה עד שיזכה לצאת מקטנות הדעת.

א וועלט מיט דעם הייליגן רבי'נס דיבורים גייען אויף דער נקודה – דו ביסט גארנישט שולדיג! זיי דיר דַן לכף זכות וואס עס טוט זיך ביי דיר אין מח! עס איז דאך דא היינט אזא זוהמא פון שמוץ מיט אפיקורסות וואס איום ונורא, מיט מחשבות זרות - "והיה המחנה הנשאר לפליטה".

## חושש געווען אויף די קידושין

די הלכה איז, ווי מען לערנט, ווי דו רעדסט, אט דאס איז די הלכה.

עס האט מיר פארציילט אמאל א בחור, ער האט געלערנט אין א ישיבה, האט ער געהערט דארטן די הגדרה אין קידושין, האט ער אינזינען געהאט, אז ער וועט גיין צו דער חופה וועט ער דאס מכוון זיין. שוין, האט ער דאס מכוון געווען.

אינמיטן די שבעת ימי המשתה האט ער זיך צעקוקט אין ספרים, האט ער געזעהן אז עס איז גאר נישט קיין ריכטיגע הגדרה, נישט דאס איז די קידושין, נישט דאס איז דער סוד הקנין, עס איז נישט ריכטיג.

שוין, דער בעל דבר האט שוין א פלאץ ווי ארייננצוגיין, די קידושין איז נישט קיין קידושין רחמנא ליצלן, איז אָן קידושין זאל דער אויבערשטער אפהיטן.

איז ער אריינגעגאנגען ביי איינעם א גדול בישראל, האט ער אים דערציילט די מעשה. האט ער אים געזאגט: **"דו האסט געמעגט טראכטן 'הרי את מגורשת', אבער דו האסט "געזאגט" 'הרי את מקודשת' איז זי אַן אשת איש מדאורייתא - הבא עליה בחנק!..."**

דאס איז די הלכה! דאס איז די הלכה!

אז מען רעדט, מען רעדט, דאס איז דער אמת! דער אויבערשטער ווייסט די פנימיות מחשבותינו אז אונז ווילן זיין ערליכע

אידן, מיר ווילן נישט קיין אפיקורסות, מיר ווילן נישט קיין דעות כוזבות! אז דו האסט דאס ארויסגערעדט - דאס איז דאס!

אזוי איז מען דיר דַן - וויאזוי דיין דיבור איז!

עס איז אלעמאל אזוי, בחורים, מען קומט אין ישיבה, דער קאפ איז פארקלאפט און דאס הארץ איז פארשטאפט - **מיר האבן א מויל!**

**אז מען איז זיך נישט משתלט אויפן מח - א מויל האסטו!**

הויב אָן לערן א דריי שורות גמרא, זאג עס איבער נאכאמאל, נאכאמאל, נאכאמאל, מיט דער רש״י, העכער, אויפן קול, ביז דו וועסט נעמען דיין מח, דו וועסט אים אריינפירן אין די פּאָר שורות, און אז דו פארשטייסט עס שוין, זאג נאך אפאר שורות.

**אוודאי, עס קען אריבערגיין א טאג וואס מען וועט אפלערנען א האלבן עמוד - שרעק זיך גארנישט איבער!** זיי שוקד בדיבור! התמדת הקריאה! התמדת הקריאה! רעד, לערן לערן לערן, זאג איבער אפאר מאל ביז דו וועסט פארשטיין; אז דו פארשטייסט שוין גענוג, איז לערן נאך א שטיקל[יב].

---

**יב.** עיין בתהלים ישועות אשא (קי״ט כ׳) וז״ל מורינו שליט״א: הנה לפלא שהמימרא **׳לעולם ליגריס איניש ואע״ג דמשכח, ואע״ג דלא ידע מי קאמר׳** (ע״ז י״ט ע״א) – היא מימרא של רבא. דייקא רבא, העמקן הגדול, שמרוב עמקותו בתורה לא היה מרגיש מה נעשה עמו (שבת פ״ח ע״א) – מורה לנו לגרוס את הלימוד בתמימות, גם אם לא יודע מאי קאמר, וגם אם הוא שוכח את הלימוד, ילמד וילמד.

ורבא ממשיך ומביא ראיה מהפסוק: שנאמר **״גרסה נפשי לתאוה״**, וממנו מוציא הוראה: ׳ליגרס איניש׳, טול את לשון הקודש של המשנה, את לשונות הברייתות והגמרא, בטא אותם בפיך, שנן אותם וחזור עליהם – ואע״פ דלא ידע, ואע״פ דמשכח, אל תירא ואל תפחד ואל תיפול מזה שאינך מבין את הלימוד או מזה שאתה שוכח. [אגב, מובא בהאר״י הק׳, שהאדם שעסק בתורה ושכח, מזכירים לו זאת בעלמא דאתי], **קבע בנפשך אהבה ללשונות המשנה והברייתא, ואהב גם את הלשונות ששמעת מרבך – גרוס אותם לתאוה, חזור עליהם, שנן אותם באהבה ובתאוה, גם בלא הבנה, אל תרפה ואל תיפול, והיא, ורק היא, הדרך לבא לבסוף לתכלית העמקות.**

## "די ליפן זאלן דיר נישט שטיין!"

דער הייליגער רבי האט געזאגט[יג], עס איז געווען א מלך וואס האט געהייסן זיין זון נעמען א גרויסן שטיין, א שווערן שטיין, און עס ארויפברענגען אויפן עליה (- שטאק), דער זון האט דאס געוואלט ארויפברענגען אבער ער האט נישט געוואוסט וויאזוי מען טוט דאס, דער שטיין איז געווען שווערער פון אים, און מען דארף דאך פאלגן דעם טאטן, ער האט דאך געהייסן ברענגען דעם שטיין, ווי נעמט מען אזא שטיין און מען ברענגט דאס ארויף אויפן עליה?!

האט ער געפרעגט דעם יועץ המלך, האט אים דער יועץ געזאגט: "דו גייסט מיט איין מאל? צעקלאפ עס אויף שטיקלעך און אזוי נעם עס ארויף!"

---

התרגל לגרוס ולחזור על לשונות חז"ל הקדושים, אהוב וחמוד את עצם דיבורי התורה, כי על ידי לימוד התורה מתדבק האדם בתורה הק'. ומה שתגרוס יותר, כן תשיג במשך הזמן את הענינים הללו בעמקותם יותר ויותר, כי הרי "**תומת ישרים תנחם**" (משלי י"א, ג'), התמימות תנחה אותך למקומות הנכונים ביותר בידיעת התורה בעמקותה.

**יג.** חיי מוהר"ן אות תמ"א: פעם אחת דיבר רביז"ל עם רבי יעקב יוסף מענין עבודת ה' כדרכו תמיד, וסיפר לו משל למלך ששלח את בנו למרחקים ללמוד חכמות. אחר כך בא הבן לבית המלך מלומד בכל החכמות כראוי. פעם אחת צוה המלך על הבן ליקח איזה אבן גדול מאד כמו אבן הרחיים, וליטול ולישא אותו על עליות ביתו. ומסתמא לא היה יכול הבן הנ"ל לישא ולרום את האבן כי היה אבן גדול וכבד מאד. ונצטער הבן מאד על שאי אפשר לו למלאות רצון אביו המלך, עד שגילה לו המלך דעתו אחר כך ואמר לו: היעלה על דעתך שאני אצוה עליך דבר כבד כזה לקחת את האבן כמו שהוא ולישא ולרום אותו? התוכל לעשות דבר זה על פי חכמתך הגדולה? אך אין כוונתי לזה כלל, רק כונתי היה שתיקח פטיש חזק ותכה ותפוצץ את האבן לחתיכות קטנות, ובזה תוכל להעלות אותו על העליה. כמו כן השי"ת צוה עלינו ש'נשא לבבנו אל כפים אל אל בשמים', ולבבנו הוא לב האבן. והוא אבן גדול וכבד מאד ואי אפשר להרים אותו להשם יתברך בשום אופן, רק על ידי שניקח פטיש ונשבר ונפוצץ את לב האבן ואז נוכל להרים אותו. והפטיש הוא הדיבור (ירמי' כג, כט), עד כאן המשל. והבן.

נעם א שטיקעלע גמרא, זאג און זאג און זאג, התמדת הקריאה, ביז דו וועסט פארשטיין, און אז דו פארשטייסט שוין, זאג נאך אפאר שורות!

דו האסט אויסגעלערנט א שליש עמוד, א האלבע עמוד - איז דאס געווען אַן התמדת הקריאה, ביסטו א גרעאטעוועטער! מארגן וועסטו שוין לערנען א בלאט, איבערמארגן וועסטו לערנען צוויי בלאט אין פיר שעה, אבער **פארמאך נישט דאס מויל, פארמאך נישט דאס מויל!**

דער רבי האט אמאל געזאגט צו א מתמיד[יד]: **"דִי לִיפְּן זָאלְן דִיר נִיט צוּ שְׁטֵיין!"** דו זאלסט נישט פארמאכן דעם מויל, דו זאלסט זיך נישט אפרוען, דו זאלסט האלטן אין איין לערנען!

## "שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו"

פון דעם רבי'ן ר' אלימלך שטייט[טו] אויפן פסוק[טז]: **"שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו"** - - דער פשוט'ער פשט איז, אז מען פרעגט א מענטשן אַן הלכה און ער ווייסט (צו ענטפערן), איז ער פריילך; אז א מענטש פרעגט אים אַן עצה און ער ענטפערט אים א גוטע עצה, איז עס 'שמחה לאיש' - ער טוט אויף מיט זיין מויל. זאגט דער רבי ר' אלימלך: **"שמחה לאיש - במענה פיו" - אז מען פייניגט דעם מויל!** פייניג דאס מויל וועסטו זעהן!

---

**יד.** כוכבי אור, חלק 'שיחות וסיפורים' אות י"ב.

**טו.** נועם אלימלך - ליקוטי שושנה, וז"ל: וזהו פירוש הפסוק **'שמחה לאיש'** דהיינו שהפסוק מלמדינו איך לבא לידי אהבה שהיא השמחה, ואמר, באיזה פעולה יבא שמחה לאיש צדיק, **'במענה'** הוא לשון עינוי וסיגוף, דהיינו על ידי שהוא מענה ומסגף את **'פיו'** מְדַבֵּר דָבָר שאינו צורך גבוה, וישמור פיו ולשונו מאד לדבר בקדושה, ועל ידי זה מחשבתו טהורה להיות מחשב רוממות א-ל וגדולתו ובא לידי אהבת הבורא יתברך ובמצותיו חפץ מאד.

**טז.** משלי טו, כג.

א יונגל פון חוץ לארץ האט אמאל געשיקט צו מיר א בריוו - ער דארף אַן עצה צו 'שמחה'. האב איך אים געענטפערט: "קודם ענטפער מיר צו ביסטו קלאר מיט דער 'וואָך שיעור' און נאכדעם וועסטו מיר פרעגן אַן עצה צו זיין פרייליך".

פרעגט ער מיר, פון וואנעט ווייס איך אז ער איז נישט קלאר מיט דער 'וואָך שיעור'?!... ווייל אז א יונגל לערנט קלאר די גאנצע 'וואך שיעור' איז ער פרייליך!

**"שמחה לאיש במענה פיו!"**

## לערנען - אפילו אָן קיין חשק

אַן אינטערסאנטע זאך, דאס לשון הרמב"ם איז, 'התמדת הקריאה', בלויז צוויי ווערטער. ווען ער לייגט ווען צו "בחשק", איז אוועק גע'פטר'ט די גאנצע מעשה, עס איז אויס עצה, **חשק איז נישט בידינו, עס איז נישט בידינו, אבער דאס מויל איז בידינו!**

**חשק איז נישט בידינו!**[יז]

ווייטער, איז דאך דאס נישט דער פשט אין דער משנה, עס שטייט דאך '**עול** תורה', התמדת הקריאה 'בחשק' איז דאך נישט קיין עול, אַן עול איז דאך אָן קיין חשק.

חשק גיט דער אויבערשטער לעמלי תורה, וואס דער אויבערשטער העלפט אים אז די תורה הקדושה ווערט 'כאויר לנשימה', די תורה ווערט 'כי הם חיינו ואורך ימינו'.

---

יז. עיין באוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רס"ג) וז"ל מורינו שליט"א: ודבר זה נחוץ לדעת, כי התורה נמשלה לתאנה (כמובא בעירובין נ"ד), ופירש"י שהתאנים אינן מתבשלין בבת אחת, אלא היום מעט ולמחר מעט. וכן הוא המציאות שכאשר לומדים ושונים – לא בכל ענין הוא מוצא בו טעם, וכל מה שלומדים ושוקדים יותר, מוצאים במשך הזמן טעם חדש. וכל פעם מתבשל לו ענין אחר, ומוצא טעם בפסוק אחר ובמימרא חדשה. והכלל בתאנה שכל כמה שממשמש בה מוצא בה תאנים חדשות, "ונוצר תאנה יאכל פריה".

ווי שטייט?[יח] "**כִּי מֹצְאִי מָצָא חַיִּים**" - אז מען געפונט די תורה, געפונט מען לעבן! דורך "**לִשְׁקֹד עַל דַּלְתֹתַי יוֹם יוֹם**"[יט] געפונט מען לעבן! חיים בעולם הזה, חיים בעולם הבא! ממש - מען שפירט, מען לעבט! דאס איז דער לעבן! מען הויבט שוין אָן צו לעבן אויף דער וועלט א חיים נצחיים, נישט נאר אויף יענער וועלט!

עס איז אזוי זיס, אזא נעימות איז דא אין דער תורה וואס יעדער איינער קען דאס משיג זיין לפי שורש נשמתו!

## "אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה"

די הייליגע גמרא זאגט אין סנהדרין[כ] אויפן פסוק[כא]: "**אָדָם לְעָמָל יוּלָּד**" - "**הַיְנוּ דְּאָמַר רָבָא, כּוּלְּהוּ גּוּפֵי דְּרוּפְתְּקֵי נִינְהוּ**" – אלע גופים זענען פול מיט 'הרפתקאות'. "רופתקי" איז הרפתקאות - 'צרות' רחמנא ליצלן. "כולהו גופי" - אלע אלע אלע אלע מוטשענען זיך; "**טוּבֵיהּ לִדְזָכִי, וַהֲוֵי דְּרוּפְתְּקֵי דְּאוֹרַיְתָא**". "טובא" איז 'אשרי'. נעם זיך און לערן, פארשפאָרסטו אנדערע צרות. אין הכי נמי, מען דארף זיך מוטשען, נעם, מוטשע זיך אין תורה הקדושה! מוטשע זיך דא, האסטו 'די' וועלט מיט 'יענע' וועלט!

**דאס פארבייט מען פאר דברים בטלים, רחמנא ליצלן! פאר דברים בטלים!**

יעדעס ווארט פאליטיק, יעדעס ווארט, איז אַן עוון גדול, מען איז מזלזל אין דער תורה הקדושה, מען איז מזלזל אין דער הייליגער תורה, 'אין לך זלזול גדול מזה'!

---

**יח.** משלי ח, לה.

**יט.** שם ח, לד.

**כ.** צט ע"ב.

**כא.** איוב ה, ז.

שטייט א ידיד נאמן און ער גיט מיר 'זהב ופז' - שפיל איך זיך מיט א פאפירעלע?! דער ידיד ווערט דאך צעקנאקט!

ער גיט מיר 'זהב ופז', דעם גרעסטן רייכטום, און איך בין פונה עורף?! דער ידיד פלאצט אוועק! זעה וואס איך גיב דיר, און זעה מיט וואס דו שפילסט זיך!

עס איז דא א צווייטער פשט אין רש"י וואס איז 'רופתקי'. דער צווייטער פשט אין רש"י איז, 'הרפתקאות' איז א גרויסער כלי, א גרויסער זאק וואס מען קען אריינגלייגן אין דעם גאר אסאך. א מענטש האט א כלי, עס קען אריינגיין אין אים גאר אסאך, עס קען אריינגיין אין אים אלע מיני צרות רחמנא ליצלן, אלע מיני תאוות, אלע מיני לשון הרע'ס, אלע מיני דברים בטלים, אלע מיני ביטול זמן, ער קען אנפולן דעם זאק מיט אבנים מיט צרורות מיט זבל מיט שמוץ מיט קוצים ודרדרים וואס זאל מחריב זיין זיין נפש מיט זיין גוף בזה ובבא רחמנא ליצלן, דאס אלץ קען מען אריינלייגן אין זאק.

פול אָן דעם זאק מיט תורה, פול עס אָן מיט תורה!

לערן תורה - וועסטו ארויסגיין פון אלע בעלי דבר!

דאס איז דער **"אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת מֵעֶלְבּוֹנָהּ שֶׁל תּוֹרָה!"**[כב] זעה וואס מען פארבייט, זעה וואס מען פארבייט!

דער בעל דבר האט באשאפן א מעשה מיט א פאליטיק איינער מיטן צווייטן, און יעדער איינער וויל פאררעכטן דער וועלט ווי גלייך אָן אים וועט נישט ווערן דער וועלט... זיץ און לערן וועסטו זעהן וואספארא תיקון עולם עס וועט זיין!

איר ווייסט, דער רמב"ם ברענגט אראפ[כג] א מכילתא, דער לשון איז אזוי: "על ג' דברים מענישין לאדם בעולם הזה ואין לו חלק

---

**כב.** משניות אבות פ"ו, מ"ב.

**כג.** בפירוש המשניות פ"א, מי"ז.

לעולם הבא". איר דערהערט? ג' דברים וואס מען איז מעניש א מענטש בעולם הזה, ואין לו חלק לעולם הבא. וואס איז די ג' דברים? עבודה זרה, גילוי עריות, ושפיכות דמים, **ולשון הרע כנגד כולם!** רחמנא ליצלן!

**'ולשון הרע כנגד כולם!'**

מען שפילט זיך מיט דעם? מען שפילט זיך מיט דעם? אזוי גיך גייט א היתר אויף עבודה זרה? דאס איז דאך חמור מעבודה זרה רחמנא ליצלן!

## הייל דיין צונג

ברוך ה', מיר דארפן דאנקן דעם אויבערשטן, מיר האבן "**מַרְפֵּא לָשׁוֹן עֵץ חַיִּים**"[כד], עס איז נישט נאר א תיקון אויפן עתיד, נאר א תיקון אויפן עבר; דו ווילסט היילן דיין צונג? דער צונג איז פארביטערט, עס איז פול מיט לשון הרע, פול מיט שמוץ? "עץ חיים" - די תורה הקדושה איז "לשון מרפא" – דאס היילט דעם צונג! "**עֵץ חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ וְתֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר**"[כה] "עץ חיים לשון מרפא" - עס איז א פסוק אין 'משלי'.

נאָך מער, ווי זאגט די גמרא[כו] אויפן פסוק[כז]: "**וְלָכֵן נִשְׁבַּעְתִּי לְבֵית עֵלִי אִם יִתְכַּפֵּר עֲוֹן בֵּית עֵלִי בְּזֶבַח וּבְמִנְחָה עַד עוֹלָם**". זאגט די הייליגע גמרא: "**בְּזֶבַח וּמִנְחָה – אֵינוֹ מִתְכַּפֵּר, אֲבָל מִתְכַּפֵּר הוּא בְּדִבְרֵי תוֹרָה!**" מיר האבן ביי דער האנט אלע ישועות, פנינים, און מען נעמט שמוץ רחמנא ליצלן! עס איז א געוואלדיגער חשבון הנפש!

---

**כד.** משלי טו, ד.

**כה.** משלי ג, יח.

**כו.** יבמות קה.

**כז.** שמואל-א ג, יד.

דאס איז ערשט "תשובה"![כח]

דער רבי זאגט[כט], די ימים טובים, מצד אחד איז דאך עס שמחת ישראל, א 'חַג', אונז מיטן אויבערשטן צוזאמען, מען האט אזא זכיה, אבער עם-כל-זה איז דא דארט עפעס 'ימי דין'.

דאס איז די בעסטע תשובה! די בעסטע תשובה! ווארף אוועק, ווארף אוועק די אלע נארישקייטן.

## גורל חיינו בידינו!

עס איז דא א מדרש אויפן פסוק[ל]: "**שֹׁמֵר רוּחַ לֹא יִזְרָע, וְרֹאֶה בֶעָבִים לֹא יִקְצוֹר**". וואס איז דער פשוט'ער פשט? ["דברי שלמה" גייט דאך א משל מיט א נמשל]. עס מיינט אזוי, בדרך כלל, וואס טוהען די חקלאים (- פעלד ארבעטער)? אז עס ווערט ווינטער, זייעט מען איין, דערנאך אז עס גייט אריבער א וואך-צוויי און עס רעגנט, האט מען א פעלד מיט תבואה, און אז עס גייט אריבער א צוויי וואכן און עס האט נישט גערעגנט, איז עס ליידיג און די תבואה איז קאליע, דארף מען איינזייען נאכאמאל, ביז מען וועט אָנטרעפן אזעלכע זייען וואס עס זאל קומען אויף זיי א רעגן.

וועט איינער דען זאגן, "צו וואס איך דארף זייען? 'שומר רוח' - אז איך וועל זעהן ווינטן וועל איך שוין דערקענען צו עס וועט

---

**כח.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י"א (ע"פ ספה"ק ליקוטי עצות): **על ידי שמדבר בהתורה בדיבורים, מאיר לו הדיבור בכל המקומות שצריך לעשות תשובה עד שזוכה לעשות תשובת המשקל ממש.**

**כט.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל' וסי' קל"ה וז"ל (ע"פ ספה"ק 'ליקוטי עצות'): ביום טוב צריך לשוב בתשובה מתוך שמחה, כי **בכל הימים טובים העולם נדון**, כמו שאמרו רז"ל: 'בארבעה פרקים' וכו'. **על כן צריכין אז לשוב בתשובה**, ועל ידי זה יוצא מלכות דקדושה מבין הקלפות, כנ"ל ומקרב את הגאולה.

**ל.** קהלת יא, ד.

רעגענען צו נישט - אז עס וועט אנקומען א רעגן וועל איך דעמאלט איינזייען!" זאגט דער פסוק - 'דער וועט נישט איינזייען'.

ווייטער, 'רואה בעבים לא יקצור', (איז פשט), אז ער זאגט, "וועל איך דען עסן היינט די תבואה? עס גייט דאך באלד גיין א רעגן; אזוי אז די תבואה איז מחובר ווערט עס נישט קאליע פון רעגן, אבער אז איך וועל עס אפשניידן וועט דאך עס ווערן קאליע!" זאגט דער פסוק - דער וועט נישט קוצר זיין.

דער "תורה תמימה" ברענגט אראפ א מדרש אין קאפיטל י"א אין קהלת[לא]: "שומר רוח" - דער וואס קוקט וואס איז דער פאליטיק פון דער וועלט, וואס הערט זיך דא, וואס הערט זיך דארט, זאגט ער - 'לא יזרע' – דער זייעט נישט איין קיין מצוות ומעשים טובים. "רואה בעבים" - דאס מיינט אויך פאליטיק מיט די סארט זאכן, זאגט ער - 'לא יקצור'; נישט ער זייעט איין און נישט ער איז קוצר, ער פארברענגט די יארן מיט די טעג אויף גארנישט מיט גארנישט רחמנא ליצלן!

מען דארף אוועקגיין פון דעם, אוועקגיין פון דעם, דאס איז מכלה ימינו ושנותינו רחמנא ליצלן!

על-כל-פנים, מען דארף וויסן אז 'גורל חיינו בידינו' פשוטו כמשמעו! אונז האבן אזא תורה!

---

**לא.** מדרש רבה קהלת פר' יא, פס' ג', וז"ל: "'שומר רוח לא יזרע'. שומר רוחן של מלכיות - לא יזרע מצוות ומעשים טובים. ומי 'רואה בעבים' של מלכיות - לא יקצור מצוות ומעשים טובים", עכ"ל המדרש. וכתב ע"ז ב'תורה תמימה', וז"ל: "ואמנם עיקר דברי המדרש צריך ביאור, מה הוא רוחן ועבים של מלכיות? ויתכן לומר דהכוונה מי שתולה מצבן של ישראל בעמים **ברוח הפוליטיק של המדינות והממלכות**, ועל כן הוא רואה ומסתכל בעבים, כלומר במסתרי הפוליטיק לדעת ערכי מצבה במדינה ומדינה, וע"י זה יעריך מצב ישראל - ההוא, שוב לא יזרע ולא יקצור מצות ומע"ט, כי ישתקע ברעיונו זה עד שיתרפה כולו בהשגחת הקב"ה, אשר אמנם אך לו הישועה, והדברים עתיקים".

דער הייליגער רבי האט מנבא געווען[לב], עס איז דא אסאך ספרים און עס וועט נאך זיין אסאך ספרים - "וכולם נצרכים לעולם"; אז עס איז נאר געבויעט אויף חז"ל ופוסקים – אזוי זאגט דער רבי[לג] - איז 'כולם נצרכים לעולם'.

'גורל חיינו בידינו' פשוטו כמשמעו[לד].

## "אַל תִּירְאִי תּוֹלַעַת יַעֲקֹב"

חז"ל זאגן[לה]: "**אַל תִּירְאִי תּוֹלַעַת יַעֲקֹב**"[לו] - ציטער נישט, ציטער נישט! דו האסט א מויל! א תולעת איז 'כוחה בפה'!

---

**לב.** ליקוטי מוהר"ן סי' ס"א, וז"ל (ע"פ ספה"ק 'ליקוטי עצות'): יש כמה ספרים עכשיו **וכן עתידין להיות עוד כמה ספרים וכולם צריכים להעולם** ואסור להלעיג על שום אחד מהם, **מאחר שכל יסודו ובנינו הוא על פי תורתנו הקדושה שבכתב ובעל פה**, כי רק מספרים שהולכים על פי חכמת יונית שהם חקירות וחכמות חיצוניות שלהם, צריכים להתרחק מהם בתכלית הריחוק אפילו אם חיברם מי שחיברם. **אבל ספרים שהולכים על פי תורתנו הקדושה שקיבלנו מהר סיני בכתב ובעל פה, כולם יקרים מאד מאד וכולם צריכים להעולם.**

**לג.** עיין ליקוטי הלכות הל' קידושין ה"ג, אות כ"א.

**לד.** עיין שיחות הר"ן י"ח: פעם אחד סיפרנו עמו מענין הדפסת ספרים שבדורות הללו נתרבו מאד בעלי מדפיסים והם מדפיסים בכל פעם ספרים הרבה מאד מראשונים ואחרונים. וקפצו עליהם זבינא מאד כי הכל קונים ספרים עכשיו וכו'. ואמר רביז"ל: כי אמרו רז"ל (שבת קל"ח:) 'עתידה תורה שתשתכח מישראל', על כן מדפיסים ספרים הרבה וכל אחד קונה ספרים כדי שיהיו ספרים ביד כל אחד, כדי שלא תשכח התורה על ידי ריבוי הספרים הנמצאים ביד כל אחד ואחד. ואפילו ביד חייט וכיוצא נמצאים עכשיו ספרים וכל אחד חוטף וקונה ספרים כדי שיהיה ספרים ביד כל אחד כדי שלא תוכל התורה להשתכח על ידי זה. **אבל זה אין יודעים שכשאין לומדים התורה אין מועילים הספרים כלל**, כי בעוונותינו הרבים נפל לימוד התורה מאד והלימוד הוא מועט מאד עכשיו בעוונותינו הרבים (**היינו כי מה יועילו הספרים הרבים שלא תשתכח התורה מאחר שאין לומדים אותה בעוונותינו הרבים**).

**לה.** תנחומא בשלח פ"ט.

**לו.** ישעי' מא, יד.

דו קענסט צוברעכן די גרעסטע גזירות; דער שטארקסטער 'ארז' - אז עס כאפט זיך אריין א וואָרעם וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן א כח צו צעקראצן דעם ארז, מאכט ער א חורבן אינעם ארז[לז].

בפרט, ברוך ה', מען גיט אונז אזעלכע גוטע דיבורים, תורה מסיני ממש! תורה מסיני! "**כָּל הַתּוֹרָה הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ הִיא הַנְּתוּנָה לְמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם**", דאס איז תורה מסיני ממש! לערן! מען גיט דיר דאס אריין אין מויל, יעדעס ווארט איז דאך ווערד אנטקעגן כל העולם כולו! לערן, לערן, זיץ און לערן, דו וועסט האבן וואס צו לערנען, דו וועסט זעהן, דו וועסט זעהן, עס וועט בטל ווערן אלע מיני צרות! אלע מסכים המבדילים וועט אוועקגיין, ציטער נישט, '**אל תיראי תולעת יעקב', דו האסט א מויל!** דו האסט "שירי דוד עבדו", זאג 'שירי דוד עבדו', דער נוסח פון כנסת ישראל פון די שלש תפילות, תורה, גמרא מיט תוספות, לערן, זיץ און לערן, זיץ און לערן![לח]

---

**לז.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות י"ד: **הדיבור יש לו כח גדול מאד מאד** להפוך את האדם מרע לטוב, **כי עיקר נצחון המלחמה הוא על ידי הדיבור שהוא עיקר הכלי זיין של ישראל. כי אין כוחנו אלא בפה** כמו שארז"ל. וזה עיקר הכלי זיין של משיח שהוא בחינת כל הצדיקי אמת שבהם תלויים וכלולים כל ישראל. כי כל כלי זיינו של משיח היא רק על ידי התפלה שהיא על ידי הדיבור (כמו שמבואר בסימן ב' ליקוטי קמא), וכמו שמבואר בכמה מקומות.

**לח.** עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות י', בא"ד, וזל"ש: **על ידי התורה יש לנו במה להחיות עצמנו כל הימים אשר אנו ממתינים לישועתו להיכלל בו יתברך בשלימות**, כי התורה היא אחדותו יתברך, ועל ידי התורה בעצמה אנו זוכין לבוא אל התכלית האמיתי לדבקה בו יתברך. אך גם מי שאין עבודתו בשלימות, ואפילו אם **נדמה לו** שעדיין הוא רחוק לגמרי, **ואפילו אם הוא באמת כך**, אף על פי כן צריך להמתין ולצפות לישועתו ולהחיות את עצמו בתוך כך **בכל מה שיוכל, פעם בתורה, פעם בתפלה, פעם בהתבודדות ושיחה בינו לבין קונו, פעם בשיחה עם חבירו או רבו**, פעם בעשיית איזה מצוה וגמילות חסד, פעם ברצון וכסופין והשתוקקות שזה העיקר, כמבואר בדבריו זכרונו לברכה שעיקר הוא הרצון וכו' ובתוך כך לומדין כאילו לומדין ומתפללין כאילו וכו', עיין שם.

'אל תיראי' - האב נישט קיין מורא, האב נישט קיין מורא!

אז דו ווערסט נישט וויסן קיין פאליטיק ווערסטו ווערן אומגליקליך?!

האב נישט קיין מורא, אדרבה, מיט דעם ווערט זיך דיר אויסדרייען ווי דער אמת איז, ווי דער ריכטיגקייט איז 'לטובה', ברוחניות ובגשמיות - נאר מיט לימוד התורה![לט]

## "תורה מגנא ומצלא"

עס ווערט געבראכט פון ווילנער גאון[מ], מען זאגט: **"פּוֹדֶה וּמַצִּיל"**. וואס איז דער חילוק פון "פודה" מיט "מציל"? 'פודה' איז דער טייטש - יענער האט מיר בא'גזל'ט, קומט איינער א חברה-מאן און ער באצאלט אים עפעס און ער נעמט עס מיר ארויס צוריק - אט דאס איז 'תפילה' - תפילה איז 'פודה'; אבער תורה איז אינגאנצן 'מציל'!

דער הייליגער רבי זאגט[מא]: **"על ידי התורה נתקבלים כל התפילות ובקשות!"**

א מענטש באקומט דער גאנצער קשר אהבה פון אונז מיטן אויבערשטן נאר דורך תורה, נאר דורך תורה![מב]

---

**לט.** עיין בספר דורשי יחודך יסודי היהדות (חלק א' דף קנ"ה) וז"ל מורינו שליט"א: רבי דוד יונגרייז ברענגט אראפ: וואס איז דער ענין פון אלע מוסר ספרים און חסידי'שע ספרים וואס רעדן עצות אויף התגברות על היצר און התעוררות מיט אלע סארטן מטעמים אז מען זאל זיך דערהאלטן – עס שטייט דאך מפורש "בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין"?

זאגט ער: אלע עצות איז, אויב מען לערנט! אז מען לערנט נישט העלפט נישט די עצות, עס העלפט גארנישט!

**מ.** ביאור הגר"א על משלי יד, כח.

**מא.** ליקוטי מוהר"ן סי' א', אות א'.

**מב.** עיין ספר כד הקמח על שבועות: מכלל האהבה והיראה ... שילמד תורה וילמדנה לאחרים שנא' (דברים ו) ושננתם לבניך ודברת בם **שלא יתכן אהבת השי"ת בלתי**

לעתיד וועט פון יעדעס שטיקל תורה ווערן השגות נפלאות!

**עס וועט זיין א הבדל גדול פון א מענטש וואס האט געלערנט מער א משנה אויף דער וועלט אדער ווינציגער א משנה אויף דער וועלט!**

דא ליגט דער גאנצער 'רבונו של עולם'! עס איז פול (- התורה מלא אלקותו יתברך)!

עס איז פארהאנען א פסוק[מג]: **"כִּי תוֹרָה מֵאִתִּי תֵצֵא"**. זאגט דער מדרש[מד]: "כי תורה **חדשה** מאתי תצא". פרעגט דער בעל שם, וואס הייסט דאס 'תורה חדשה' - 'זאת התורה לא תהא מוחלפת'? עס וועט טאקע נתגלה ווערן סתרי התורה, סתרי סתרים, אבער 'זאת התורה לא תהא מוחלפת', ווי קען זיין "תורה חדשה"?

זאגט דער בעל שם, "תורה חדשה מאתי" איז דער פשט, די גאנצע וועלט וועט זעהן אז די תורה רעדט 'מאתי', די גאנצע תורה רעדט פונעם אויבערשטן, דאס איז א נייע סארט תורה אבער עס איז די זעלבע סארט תורה, פון דעם וועט ווערן דער גרעסטער גילוי אלקות.

דאס ליגט ביי אונז אין הענט, דער רבונו של עולם איז ביי אונז, דער רבונו של עולם איז נטמן ביי אונז דורך דער חלק פון לימוד התורה.

## געהאלטן אין איין איבערבויען...

דער רמב"ם פירט אויס אויף: **"המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ"**; וואס איז דאס 'עול מלכות ועול דרך ארץ'? זאגט ער, 'עול מלכות' דאס איז מיסים וארנוניות. 'עול דרך ארץ' - זאגט דער רמב"ם: **"טורח הזמן!"**

---

**לימוד התורה.**

מג. ישעי' נא, ד.

מד. ויקרא רבה יג, ג.

רחמנא ליצלן אז עס איז נישטא קיין הצלחה אין זמן! א 'פורק עול תורה' האט נישט קיין הצלחה אין זיין צייט, א זאך וואס מען קען טוהן אין א האלבע שעה קען עס ער טוהן פאר פינף שעה... ער טוט עס נאכאמאל און נאכאמאל, עס ווערט א חורבן פון זמן, דער זמן אליין בא'גזל'ט אים.

איר ווייסט וויפיל תורה מען קען אפלערנען אויף דער וועלט?! מען דארף פאר דעם לעבן 'לעולמי עד ולנצח נצחים'! איר ווייסט וויפיל תורה מען דארף לערנען אויף דער וועלט?! מען נעמט עס פאר גרינג, מען דארף טוהן![מה]

נעם, וועסטו האבן הצלחה אין דיין טוהן, 'מעבירין ממנו עול דרך ארץ' – טורח הזמן, עס ווערט א ברכה אין די צייט; אז מען האט נישט קיין ברכה אין די צייט, טוט מען און מען טוט און מען טוט - מען טוט זאכן וואס מען האט נישט געדארפט רחמנא ליצלן...

ביי 'קין' שטייט[מו]: "**וַיְהִי בֹּנֶה עִיר**". אלעמאל שטייט 'ויבן עיר'. וואס איז דער "ויהי בונה עיר"? נאר אז דער אויבערשטער העלפט, מען מאכט חתונה א קינד און זיי לעבן זיך גוט, זיי האבן קינדער – איז פערטיג, זיי לעבן א גוטן לעבן, די שכינה רוהט ביי זיי, ברוך ה', אויפגעבויעט א שטאט.

אבער אמאל בויעט מען א שטאט, בויעט מען דא - צעברעכט זיך דא, בויעט מען דא - פאלט דא, ער האט געהאלטן אין איין

**מה.** עיין שיחות הר"ן אות ע"ו: ופעם אחד חישב רביז"ל מה שהאדם צריך ללמוד בכל יום **עד שאין היום מספיק**. דהיינו לגמור בכל שנה ש"ס עם הרי"ף והרא"ש, וארבעה שולחן ערוך הגדולים, וכל המדרשים כולם, וכל ספרי הזהר ותיקונים וזוהר חדש, וכל ספרי קבלה מהאר"י ז"ל. גם צריכין ללמוד איזה שיעור ביום בקצת עיון. ועוד חשב הרבה דברים. גם צריכין לומר תהלים בכל יום, ותחינות ובקשות הרבה הרבה. ואז סיפר הרבה מענין זה שצריכין ללמוד במהירות גדול ובזריזות ולבלי לבלבל דעתו בדקדוקים הרבה מענין לענין. והדברים הללו הם בדוקים ומנוסים.

**מו.** בראשית ד, יז.

בויען, ער איז געווען 'ויהי בונה עיר' - 'טורח הזמן', ער האט געהאלטן אין איין בויען, ער האט געהאלטן אין איין בויען, ער איז נישט פטור געווארן, אז ער האט פארראכטן דא, האט זיך צובראכן דא... אין דער וועלט רופט מען עס אָן "שלימזל", אט דאס איז אָן קבלת עול תורה[מז].

**'הפורק ממנו עול תורה נותנים לו עול מלכות ועול דרך ארץ'**. נו, אז מען גייט נישט איינקויפן, גיט מען א הוספה... גיב די תורה וועסטו מצליח זיין, גיב די תורה וועסטו מצליח זיין!

דער רמב"ם פירט אויס אויף דער משנה, מיט די גמרא אין עירובין: **"חָרוּת עַל הַלֻּחֹת"**[מח] - **"אל תיקרי חָרות אלא חֵירות" - 'אין לך בן חורין כמי שעוסק בתורה'**.

איר ווייסט וואס דער רמב"ם[מט] זאגט אויף דער ווארט 'חירות'? **"חירות מעניני המלכים ותולדות הזמן"**. דאס איז די צוויי זאכן: 'עניני המלכים' - פאליטיק, 'ותולדות הזמן' – דאס איז אייגענע פאליטיק; אלע מיטוואך, אלע מאנטאג איז דא אַן אנדערע פאליטיק, איינס איז משכיח דעם צווייטן, 'כאשר יחנו כן יסעו', דאס וועט אזוי זיין ביז משיח וועט קומען... האב שכל, כאפ אריין, כאפ אריין חיים נצחיים!

### "מֵעֵת הֱיוֹתָהּ - שָׁם אָנִי"

ברוך ה', **"מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי, וּמְסָרָהּ לִיהוֹשֻׁעַ, וִיהוֹשֻׁעַ לִזְקֵנִים, וּזְקֵנִים לִנְבִיאִים, וּנְבִיאִים מְסָרוּהָ לְאַנְשֵׁי כְנֶסֶת הַגְּדוֹלָה"**[נ].

---

**מז.** עיין כלי יקר שם.

**מח.** שמות לב, טז.

**מט.** שם.

**נ.** אבות פ"א, מ"א.

די מפרשים ברענגען אראפ, וואס איז דער ענין פון "ומסרה"? - 'משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע', נאכער שטייט 'ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים', און נאכדעם שטייט ווידער 'ונביאים **מסרוה** לאנשי כנסת הגדולה'.

נאר עס ווערט געבראכט[נא], משה רבינו האט דאך מקבל געווען אזויפיל תורה, ער האט מקבל געווען אזויפיל תורה - - (התירוץ יבואר אחר הקדמה בהמשך).

די גמרא זאגט[נב] אויפן פסוק[נג]: "**וְאֶתְּנָה לְךָ אֶת לֻחֹת הָאֶבֶן וְהַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה אֲשֶׁר כָּתַבְתִּי לְהוֹרֹתָם**"; "'**לֻחֹת' - אֵלּוּ עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, 'וְהַתּוֹרָה' - זוֹ מִקְרָא, 'וְהַמִּצְוָה' - זוֹ מִשְׁנָה**". משה רבינו האט מקבל געווען זעקס הונדערט סדרי משנה און ער האט דאס געלערנט מיט כלל ישראל, עס איז געווען מבואר אלע מצות פון דער תורה. "**אֲשֶׁר כָּתַבְתִּי**" - דאס איז 'נביאים וכתובים' וואס איז געווען אפגעשריבן ביים אויבערשטן, "**לְהוֹרֹתָם**" - דאס איז 'גמרא' [- "**מְלַמֵּד שֶׁכֻּלָּם נִתְּנוּ לְמֹשֶׁה מִסִּינַי**"].

און עס שטייט[נד]: "**וַיִּתֵּן ה' אֵלַי אֶת שְׁנֵי לוּחֹת הָאֲבָנִים כְּתֻבִים בְּאֶצְבַּע אֱלֹקִים וַעֲלֵיהֶם כְּכָל הַדְּבָרִים**". "ככל הדברים" – אלעס, אלעס, "כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לומר לרבו", א גוטע סברא - אלעס איז נאמר למשה מסיני[נה].

משה רבינו האט מקבל געווען מסיני די אלע דריי טויזנט הלכות וואס 'עתניאל בן קנז' העביר בפלפולו[נו], משה רבינו האט שוין

---

**נא.** עיין נועם אלימלך פרשת בהר, ועיין נוצר חסד (קאמארנא) על מס' אבות פ"א, מ"א.

**נב.** ברכות דף ה.

**נג.** שמות כד, יב.

**נד.** דברים ט, י.

**נה.** מגילה יט ע"ב, ירושלמי פאה פ"ב, ה"ד.

**נו.** עיין תמורה טז ע"א.

געוואוסט די אלע דרשות, ער האט אלעס געוואוסט - אז מען וועט עס פארגעסן און מען וועט עס וויסן.

עס ווערט געבראכט[נז] – עס איז דא א תוספות – יעדער סוגיא האט דער אויבערשטער געוויזן משה רבינו'ן אז מען קען עס דורכגיין אויף מ"ט פנים. האט ער געפרעגט דעם רבונו של עולם, "וויאזוי איז די הלכה?" - "דאס לאז איבער פאר די חכמי הזמן"; נמנו וגמרו - חייב, נמנו וגמרו - זכאי, אט דאס איז די הלכה. דאס הייסט, ווי אזוי מען וועט דורך ארבעטן אלע דינים, אזוי וועט זיין, "אלו ואלו דברי אלקים חיים".

די זעלבע זאך, משה רבינו האט מקבל געווען די דרכי הגמרא פון די תנאים, די דרכי הלימוד פון די אמוראים, די דרכי הלימוד פון די ראשונים, פון די רבנן סבוראי - אלעס, אפילו ביז אונזער דרכי הלימוד - יא! אונזער דרכי הלימוד האט משה רבינו מקבל געווען מסיני, אונזערע פוסקים - דער חתם סופר, דער רבי עקיבא איגר - מיט די אלע - אלץ איז געווען ממשה מסיני, און יעדע איינס איז גאר א ריכטיגע סברא, ער האט מקבל געווען מורא'דיג אין דער וועלט.

דער מדרש זאגט[נח], ישעי' הנביא האט געזאגט[נט]: "**מֵעֵת הֱיוֹתָהּ - שָׁם אָנִי**" - בשעת מען האט געגעבן די תורה בין איך שוין דארטן געווען, מיין גאנצע תנ"ך האב איך שוין דארטן געהערט.

אויף "**מַשָּׂא דְבַר ה' אֶל יִשְׂרָאֵל בְּיַד מַלְאָכִי**"[ס], זאגט רש"י, וואס איז דער לשון 'משא'? נאר וויבאלד ער האט דאס שוין געהערט

---

**נז.** עיין ריטב"א עירובין י"ג ע"ב.

**נח.** מדרש רבה פר' יתרו פר' כח, פס' ו.

**נט.** ישעי' מח, טז.

**ס.** מלאכי א, א.

מסיני איז דאס געווען ביי אים א (אלטער) משא, וואס 'הערשט' האט ער עס ארויסגעגעבן.

דער מדרש זאגט[סא], נישט נאר די נביאים, נאר אלע חכמי הדור און אלע סארטן דרושי התורה - "דרשוני" "כמו שדרשו רבותינו ז"ל" - אלעס איז 'ניתנו מסיני'.

מכל שכן די לעצטע ספרים טאקע, סיי פוסקים, און סיי די מוסר ספרים, וכל שכן די חסידי'שע ספרים, דעם הייליגן רבי'נס ספרים, דעם ליקוטי מוהר"ן, די סיפורי מעשיות, דאס איז תורה מסיני ממש, לפי אונזער נשמה וואס מיר דארפן זיך **'היינט'** דערהאלטן אין בורא עולם[סב] - **אז מען גלויבט נישט אין דעם איז מען אַן אפיקורס גמור!**

**"כל התורה המצויה עתה בידינו היא הנתונה למשה רבינו עליו השלום!"**

(לענינינו:) משה רבינו איז געווען אזא מין עניו - - דער רבי זאגט[סג], וואס מער מען איז א גרעסערע 'עניו' האט מען ווינציגער גבול. ממילא, משה רבינו איז געווען אזא עניו אז ער האט אלעס מקבל געווען פון בורא עולם, אזוי בטל איז ער געווען צו השי"ת (- ולכן כתיב "משה **קיבל** תורה" וכו').

---

**סא.** שם.

**סב.** עיין בפתיחה לספר ביאור הליקוטים, וז"ל: ולפי כל זה תבין ותתבונן ברוב ועוצם חיוב והכרח הלימוד, בתורה שבנסתר שזכינו על ידי רבינו ז"ל. כי **הן המה** התבלין המוכרחים להיצר הרע **שבעת הזאת**, שעל זה אמרו חז"ל בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין (מסכת קידושין דף ל' ע"ב).

**סג.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ט"ו אות ד', וז"ל: **ובחינת סיני הוא בחינת שפלות**, כמו שאמרו חז"ל (סוטה ה.), שהניח הקדוש ברוך הוא כל ההרים ולא נתן התורה אלא על הר סיני. וחז"ל אמרו (שם ה:), שתפילת השפל אין נמאסת, כמו שכתוב (תהלים נ"א): 'לב נשבר' וכו'. ועל ידי תפלה שהיא במסירת נפש, **שמבטל כל גשמיותו ואין גבול, וכשאין גבול, אזי יכול להשיג התורה שלעתיד, שהיא אינה גבול ואין נתפסת בגבול.** גם עיין שם במהדורא תניינא סי' ע"ב.

'ומסרה ליהושע'. ביי יהושע דארף שוין שטיין 'ומסָרה', ווייל ער האט נישט געקענט בכוחו אריינעמען אזויפיל תורה, איז 'בעל כרחו' האט עס משה רבינו אין אים אריינגעטון, למעלה מכוחותיו; פארוואס? דאס איז עס, משה רבינו גייט אוועק, די גאנצע תורה און אלע סארטן ענינים וואס דער וועלט דארף, דארף אריינגיין אין יהושע.

און יהושע האט עס איבערגעגעבן לזקנים; וויבאלד עס איז געווען א רבים, האט יעדער איינער איבערגענומען זיין חלק התורה, האט עס נישט געדארפט זיין קיין מסרוה (- בעל כרחם), און אזוי אויך 'וזקנים לנביאים'.

אבער ביי די אנשי כנסת הגדולה איז שוין געווען שוואכער דער דור אז עס איז שוין געווען ווייטער 'ומסרוה'.

קומט אויס, 'עד היום' העלפט דער אויבערשטער אז עס איז ווייטער 'מסרוה', מען דארף נאר לערנען, מען דארף נאר לערנען, מיר האבן א שולחן ערוך, זיץ און לערן די גאנצע תורה, די שולחן ערוך, עס איז ארויסגעגאנגען א שפע פון הימל מיט תורה היינט, א שפע פון הימל מיט תורה, דאס איז די עצה.

### "וְחִכִּיתִי לַה' הַמַּסְתִּיר פָּנָיו"

אין ישעי' ח' איז דא א פסוק[סד], הויבט זיך עס אָן: "**וְחִכִּיתִי לַה' הַמַּסְתִּיר פָּנָיו מִבֵּית יַעֲקֹב וְקִוֵּיתִי לוֹ**" - איך ווארט צום אויבערשטן אפילו ער איז 'מסתיר פניו מבית יעקב - וקיוֵיתי לו' - איך שרעק זיך נישט איבער פאר די הסתרה, איך האף צום אויבערשטן, איך ווארט צום אויבערשטן.

---

סד. ישעי' ח, יז.

איז אויף דעם פסוק אין ישעי' זאגט רש"י: **"אין לך נבואה קשה כאותה שעה שאמר משה 'וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא'"** - - עס זייער ביטער, אז א טאטע קוקט נישט אויף זיינע קינדער טוט מען מיט די קינדער וואס מען וויל, עס קומט די ערגסטע שמוץ, מען מאכט חרוב אידישע קינדער רחמנא ליצלן; אז א טאטע גיט א קוק אויף די קינדער ווערט אלע ישועות, הארת פנים, עס אנטלויפן אלע שונאים.

- און **"בו ביום הבטיחם 'וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'"** - אין דעם זעלבן טאג! [דער הייליגער רבי זאגט דאך[סה]: "בצר הרחבת לי"!] אין דעם זעלבן טאג וואס דער אויבערשטער האט געזאגט, דו זאלסט וויסן אז עס וועט קומען א צייט פון א שרעקליכע הסתרה, פון 'הסתר אסתיר', 'בו ביום הבטיחם כי לא תשכח מפי זרעו'.

קומט אויס, דאס איז טאקע די עצה, דער 'כי לא תשכח מפי זרעו', דאס עוסק זיין בתורה דאס איז די עצה אנטקעגן דעם 'הסתר אסתיר', דאס וועט ברעכן די הסתרה, 'אל תיראי תולעת יעקב'.

## קינדער וועלן לערנען סתרי תורה...

ברוך ה', מען זעהט דאך קלאר, דער זוהר הקדוש זאגט[סו] אז פאר משיח (וועט קומען) וועלן קינדער לערנען סתרי תורה, א דבר פלא! קינדער וועלן לערנען סתרי תורה! [עס ווערט געברענגט אז עס מיינט נישט קינדער, נאר מענטשן וואס האבן א דין ווי קינדער...]

---

**סה.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קצ"ה: **"בצר הרחבת לי"** (תהלים ד). היינו שגם אפילו בהצרה בעצמה השי"ת מרחיב לנו, **כי אם יסתכל האדם על חסדי ה', יראה, שאפילו בעת שהשי"ת מיצר לו, גם בהצרה בעצמה השי"ת מרחיב לו ומגדיל חסדו עמו.** וזה: 'בצר הרחבת לי', היינו אפילו בתוך הצרה בעצמה נתת לי הרחבה בתוכה, מלבד מה שאנו מצפים שהשם יתברך יושיענו בקרוב מכל הצרות, וייטיב עמנו מאד, אך אפילו גם בהצרה בעצמה מרחיב לנו.

**סו.** וירא דף קיח ע"א.

ברוך ה', מען האט געכאפט, דער אויבערשטער האט אראפגעשיקט א גאנג וויאזוי מען לערנט סתרי תורה, אָן דמיונות, אָן קיין קבלה מעשיות, מען זיצט און מען לערנט און מען שטייגט און מען מאכט ספרים, הפלא ופלא![סז]

דער ווילנער גאון לייגט צו[סח], בזכות דעם וועט קומען די גאולה!

מען זעהט אז מיר געפונען זיך אין אזא חשובע צייט; עלינו נפל מצוַת **'תנו עוז לאלקים'**[סט].

על כל פנים, 'הודו לה' כי טוב' וואס מיר ווייסן פון די הייליגע תורה, דאס דארף זיין אונזער קבלה, אז דער אויבערשטער זאל

---

**סז.** עיין באוסף מכתבים (חלק ד' מכתב ער"ה) וז"ל מורינו שליט"א: בקשר ללימוד הקבלה, הנה הספר הראשון ללימוד הוא ספר 'אוצרות חיים', כי הפרקים הם מסודרים ומשולבים. כי יש שיחה מרבינו הק', שכל מה שקשה ללמוד קבלה הוא מפני שהדרושים אינם מסודרים.
אמנם גם לזה צריכים רבי להדריך להיכנס לפרד"ס, ומכל-שכן ההקדמות העדינות – שלא להגשים את הענינים הרוחנים על אחת כמה וכמה.

**סח.** עיין ביאור הגר"א על תיקו"ז תיקון כ"א. עיין בספר 'מעלות התורה' (לר' אברהם אחי הגר"א): עוד אמרו חכמינו ז"ל (בבא בתרא ח א) **אין הגליות מתקבצים אלא בזכות התורה**, שנאמר 'גם כי יתנו בגוים עתה אקבצם' (הושע ח י). כי ידוע שב' גליות הראשונים היו בעון עבודה זרה גלוי עריות שפיכות דמים (ירושלמי יומא פרק א הלכה א) ונגאלו בזכות אברהם יצחק ויעקב. **וגלות הזה האחרון הוא בעון לשון הרע ושנאת חנם שהוא הפך התורה. ויהיה הגאולה בזכות משה** (זוהר חדש י) **ובזכות התורה שנתנה על ידו**, ולכך זה הקץ נסתם מכל עין, כמו שכתוב במשה 'ולא ידע איש את קבורתו' (דברים לד ו).

**סט.** עיין זבחים קט"ז ע"א שהתורה נקראת 'עוז'. גם עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת המזון ה"ד, אות י"ב: השי"ת מתפאר מאד בהעזות והעקשנות של איש הישראלי שמפילין אותו בכל פעם והוא מתחזק בכל עת והוא עקשן גדול ואינו מניח להפיל עצמו בשום אופן. וזה עיקר התפארותו יתברך בבחינת **'תנו עוז לאלקים על ישראל גאותו'**. 'עוז' זה בחינת עזות ועקשנות של ישראל שהם עזים וחזקים בעבודתן **שעל ידי זה עיקר קבלת התורה** שהוא כלל ההתפארות, כשארז"ל 'מפני מה נתנה תורה לישראל? מפני שהן עזין' (ביצה כה).

העלפן מיר זאלן ווערן מתמידים, בלכתינו בדרך, ובשכבנו ובקומנו - פשוטו כמשמעו.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז אונזערע קבלות זאלן טאקע זיין א ריכטיגע 'אני לדודי', א ריכטיגע 'אני לדודי'; די גרעסטע 'אני לדודי' איז אז מען פארמאכט נישט דאס מויל פון תורה - 'מאן דאחיד באורייתא אחיד בקודשא בריך הוא'.

(ועל ידי זה) זאל דער אויבערשטער מופיע זיין, אזויווי עס שטייט: "**וְהוֹפַע בַּהֲדַר גְּאוֹן עֻזֶּךָ**"; דער אויבערשטער זאל מופיע זיין אין אונז אלע פנים לתורה, לכל אחד לפי ערכו, דאס איז די פני ה' - אזוי זאגט דער רבי אין תורה כ"ז[ע], דאס איז די הארת פנים, מען וועט אנהויבן שפירן א חיות אין תורה, יעדער איינער זיין חלק התורה, יעדער איינער זיין פנים לתורה - דאס איז 'ודודי לי'.

אז עס ווערט "**אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי**"[עא], ווערט "**הָאֵר פָּנֶיךָ וְנִוָּשֵׁעָה**"[עב], עס זאל שוין קומען א ישועה פאר גאנץ כלל ישראל ברוחניות ובגשמיות, רפואות וישועות, אלע זאלן ארויסגיין פון זייערע מְצָרים, אלע זאלן ווערן נאנט צום אויבערשטן, "**הוֹשִׁיעָה אֶת עַמֶּךָ וּבָרֵךְ אֶת נַחֲלָתֶךָ וּרְעֵם וְנַשְּׂאֵם עַד הָעוֹלָם!**"[עג].

**ע.** עיין שם אות ב-ג.

**עא.** שיר השירים ו, ג.

**עב.** תהלים פ, כ.

**עג.** תהלים כח, ט.

# עמודי התווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרבי"ץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד
להם ולזרעם עד עולם,עם רוב תענוג ונחת
דקדושה כל הימים

# מזלא טבא וגדיא יאה

## מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו
**מעמודי הרעווך**

לרגל נישואי בתו שתחי' למז"ט ובשעט"מ

עב"ג

הבה"ח **מנחם צבי** נ"י בן מוה"ר **מרדכי דייטש** הי"ו

## מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו
**מעמודי הרעווך**

לרגל הולדות נכדתו

אצל חתנו מוה"ר **שמואל חנני' יו"ט ליפא זיכערמאן** הי"ו

## מוה"ר **שמשון ווייס** הי"ו

לרגל אירוסי בתו שתחי' למז"ט ובשעט"מ

עב"ג

הבה"ח **יוחנן** נ"י בן מוה"ר **משה ארי' הארטמאן** הי"ו

## ומוה"ר **מנחם דוד לאנדא** הי"ו

לרגל אירוסי בתו שתחי' למעז"ט ובשעט"מ

עב"ג

הבה"ח **מנחם צבי** בן מוה"ר **ברוך הלל פאלקאוויטש** הי"ו

ויה"ר שמשמחות אלו יושפעו לנו ולכל ישראל כל השפעות טובות, עדי נזכה בקרוב לקיום היעוד 'עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה, בב"א

# יאמץ לבך

אז אַ מענטש ליגט אין א בלאטע (ברוחניות), איז ער דאך נעבעך אפגעריסן, אז ער שרייט און ער שרייט, איז ער מוחה.

ער איז נעבעך אין א מצודה ער קען נישט ארויסגיין, אבער ער איז נישט מסכים, ער איז נישט מסכים!

ער האלט אינמיטן **"טבעתי ביוון מצולה ואין מעמד"** ער זינקט טיפער און טיפער, אבער ער איז מגלה דעת אז ער איז נישט מסכים!

וויבאלד ער איז מגלה דעת אז ער איז נישט מסכים, ער איז נישט נדחה פון כל התורה כולה! און וויבאלד ער איז נישט דוחה די תורה הקדושה, קען ער דארטן טון א כפיית היצר, זיך אוחז זיין אין עפעס א דבר שבקדושה, אין עפעס א מצוה ממקום שהוא, אפילו אין שאול קען ער געפינען שבילים, און איבערגיין ממות לחיים!

און עס איז דא אסאך סיפורים אמיתיים פון מציאות וואס איז אזוי געווען ביי המון נפשות ישראל!

**ער זאל נאר שרייען איך בין נישט מסכים!**

(מתוך דברות קודש בשיחת הכנה לחג השבועות תש"ס לפ"ק)